בס"ד. שיחת שבת בראשית (התוועדות ב' - המשך לשמח"ת), תשח"י.

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

א. מען האט דאך שוין געזאגט (בשיחת יום שמח"ת) אז די היינטער-דיקע התוועדות איז א המשך פון דעם פארברענגען פון שמח"ת.

יעדער ענין דארף דאך האבן א מקור אין נגלה, געפינט מען א מקור אין נגלה, אז בשעת ס'איז דא יו"ט הסמוך לשבת, האט דער יו"ט א שייכות צו די סעודה השלישית דשבת.

דער דין איז אז בשעת יו"ט איז חל ביום ה' וביום ו', דארף מען מאכן ערב יו"ט א עירוב תבשילין, בכדי מען זאל קענען אנגרייטן פון יו"ט אויף שבת. ועניינו פון דעם עירוב תבשילין איז צו מערב זיין (אויסמישן) די תבשילין פון יו"ט מיט שבת.

שטייט אז דער מהרי"ל האט זיך נוהג געווען אז דעם תבשיל, אויף וועלכן מען האט געמאכט דעם עירוב תבשילין, פלעגט ער דאס עסן בסעודה השלישית דשבת.

ולכאורה, איז מצד די חשיבות וואס ס'איז פאראן בסעודת שבת, זיינען די ערשטע צוויי סעודות חשוב'ער ווי די דריטע סעודה, איז אויב סהם בכדי צו עסן דאס שבת מצד עניינו של העירוב תבשילין, זיינען די ערשטע סעודות חשוב'ער, און אויב מצד דעם טעם פון הואיל ואתעביד בי' מצוה חדא לתעביד בי' מצוה אחריתא, איז אויך מצד דעם טעם איז דאך דער עיקר המצוה דסעודת שבת איז אין די ערשטע צוויי סעודות, משא"כ בסעודה השלישית איז דאך ניט מחוייב בלחם משנה, ביז ס'איז פאראן אזוינע וואס זיינען יוצא מיט תורה צי מיט א ניגון, ביז אז ס'איז פאראן אזוינע וואס האלטן אז זיי זיינען כגון שכיץ חב"ד טוען זיי גארניט אויף לצאת ידי סעודה השלישית,

אבער עכ"פ איז פון מנהגו של מהרי"ל זעט מען אז דער ענין פון יו"ט גיט זיך און עס האט א שייכות ביז די סעודה השלישית דשבת.

איז דאס איז א מקור אין נגלה אויף דעם וואס היינטער אין דעם זמן פון סעודה השלישית דשבת מאכט מען א התוועדות א המשך פון שמח"ת.

איז אזוי ווי שמח"ת איז פארבונדן מיט שמחה וריקודים, זאל זיין די התחלה פון דער התוועדות מיט א פרייליכן ניגון.

ב. אין עירוב תבשילין איז פאראן צוויי טעמים: א) בכדי או באווארענען מען זאל ניט מכין זיין מיו"ט לחול, איז דורך דעם וואס מען וועט מאכן א עירוב תבשילין בערב יו"ט, ד.ה. אז מען וועט זעהן אז די התחלת ההכנה לשבת מאכט מען פון ערב יו"ט און יו"ט אליין איז מען נאר מסיים וגומר די הכנה וואס מען האט אנגעהויבן מאכן ערב יו"ט, היינט אויב מען הויבט ניט אן מכין זיין יו"ט לשבת איז פשיטא אז מען וועט זיך היטן להכין מיו"ט לחול.

ב) אזוי ווי מען איז טרוד בשמחת יו"ט קען מען זיך פארגעסן אז מען דארף צוגרייטן אויף שבת, דעריבער הויבט מען אן צו מכין זיין נאך פון ערב יו"ט, בכדי מען זאל געדענקען אז מען דארף צוגרייטן לשבת.

די

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשי"ח תשי"ט שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 18 הודפס ע"י אוצר החכמה

די נפק"מ פון דיביידע טעמים איז אין צוויי ענינים:
א) לויט דעם ערשטן טעם קומט דער עירוב תבשילין אויף צו פארהיטן דעם יו"ט, מען זאל ניט מחלל זיין דעם יו"ט דורך דעם וואס מען וועט מכין זיין מיו"ט לחול. משא"כ לויט דעם צווייטן טעם קומט דאס צו פארהיטן דעם שבת, מען זאל געדענקען אז מען דארף זארגן אויף שבת. ב) לויט דעם ערשטן טעם קומט אויס אז דער עירוב תבשילין קומט צו באווארענען א ענין פון שלילה, ד.ה. צו פארהיטן א ענין הבלתי רצוי, משא"כ לויט דעם צווייטן טעם קומט דער עירוב תבשילין צו באווארענען א ענין פון חיוב, אז די הכנה לשבת זאל זיין הרצוי.

ועפי"ז יובן טעמו של המהרי"ל, ווילע ער האט געוואלט יוצא זיין דעם טעם הב׳. דהנה לטעם הא׳ אז מען דארף באווארענען שלא יהי׳ עשית מלאכה ביו"ט, איז דאך ניטא קיין שום ארט צו לאזן דעם תבשיל ביז די סעודה השלישית, ווארום אפילו בשעת ער וועט עס עסן בתחילת השבת, איז אויך דער יו"ט א באווארענטער. משא"כ לטעם הב׳ אז דאס איז צוליב באווארענען דעם שבת, יש לומר אז צוליב דעם האט ער דאס געלאזן לסעודה השלישית, בכדי צו באווארענען אז די הכנות לשבת זאל זיין כדבעי, ביז אז אפילו לסעודה השלישית, וואס דאס איז די לעצטע סעודה, זאל אויך זיין אלץ צוגעגרייט כדבעי.

אמנם לדינא העיקר הוא כטעם הא׳. דהנה יש הפרש לדינא בין טעם הא׳ לטעם הב׳. וההפרש הוא, צי מען קען מאכן א עירוב תבשילין כמה ימים קודם יו"ט. דלטעם הא׳ איז קיין חילוק ניט צי ער מאכט דאס בערב יו"ט אדער כמה ימים קודם, ווארום בין כך ובין כך איז די התחלת ההכנה לשבת שוין געווען פריער, וביו"ט וועט זיין נאר דער סיום וגמר ההכנה. משא"כ לטעם הב׳ אז דאס איז בכדי צו דערמאנען ער זאל מכין זיין לשבת, איז אויב ער וועט מאכן דעם עירוב תבשילין כמה ימים קודם, איז ביז עס וועט קומען ערב שבת קען ער פארגעסן, דערפאר דארף מען מאכן דעם עירוב תבשילין סמוך ליו"ט דוקא.

ולענין הלכה פסק׳נט דער אלטער רבי אז לכתחילה דארף מען טאקע מאכן דעם עירוב תבשילין סמוך ליו"ט, אבער בדיעבד מאכט ניט אויס אויב ער האט עס געמאכט כמה ימים קודם. זעט מען דאך דערפון אז דער עיקר איז כטעם הא׳. דאס הייסט אז דער צווייטער טעם איז נאר א לכתחילה׳דיקער, אבער דער בדיעבד׳דיקער טעם, ד.ה. דער עיקר הטעם, איז דער ערשטער טעם.

ג. דער ענין דערפון אין עבודה איז:

דער חילוק פון יו"ט מיט שבת איז אז יו"ט איז מקרא קודש, ד.ה. אז מען איז מזמין דעם קודש אין חול. האלטן האלט מען בא ענינים חול נאר ניט קוקנדיק אז מען האלט בא ענינים חול דארף זיין די עבודה דאתכפיא, אז אויך די אכילה הגשמית זאל זיין בדרך צדיק אוכל לשובע נפשו. משא"כ שבת איז קודש, עס איז ניט קיין מקרא קודש נאר ס׳איז קודש אליין, וואס דאס איז די עבודה דאתהפכא, אז מען איז שוין ארויס פון ענינים חול און מען האלט בא קדושה.

ולכן מצינו שביו"ט שייך ענין התחתונים, ווארום ס׳איז א עבודה וואס ער האלט נאך בא ענינים חול און אין די ענינים חול דארף ער מזמין וממשיך זיין קדושה, משא"כ בשבת איננו שייך ענין התחתונים ומכ"ש הזכרות וידויים, ווארום אפילו אויב מצד מעמדו ומצבו האט ער אזוינע

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשי"ח תשי"ט שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 82 הודפס ע"י אוצר החכמה

אזוינע ענינים אויף וואס ער דארף זיך מתודה זיין, איז אבער מצד די המטכה פון שבת גייט עס אראפ בדרך ממילא, ווייל שבת איז קודש יהי׳ לכם.

און דערפאר קומט אויס אויך אין נגלה אז דער ערשטער טעם, וואס דאס איז צוליב באווארענען דעם יו"ט, איז ענינו צו באווארענען א עניין פון שלילה, ד.ה. אז ער האט נאך אזוינע ענינים וואס ער דארף זיי שולל זיין בדרך אתכפיא. וואס דאס איז דער עניין פון יו"ט כנ"ל. משא"כ דער צווייטער טעם, וואס דאס איז צוליב באווארענען דעם שבת, איז ענינו צו באווארענען א עניין פון חיוב, וואס צו שולל זיין איז ניטא ווארום ער איז ארויס פון אלע עניני החול נאר די עבודה באשטייט אין חיוב, להוסיף אור.

און אויף דעם זאגט מען, אז נאך איידער מען איז צוגעקומען צו שבת און נאך איידער מען איז צוגעקומען אפילו צו יו"ט, מען האט נאך ניט געטאן דעם עניין פון אתכפיא כדבעי, דערווייל איז נאך ערב יו"ט, דארף מען שוין מאכן א עירוב תבשילין, מען דארף זיך שוין גרייטן ניט נאר צו יו"ט וואס דאס איז אתכפיא נאר אפילו צו שבת וואס דאס איז אתהפכא.

הגם אז ניט אלע זיינען שייך צו אתהפכא, ס׳איז פאראן אזוינע וואס כל עבודתם דארף זיין אין אתכפיא, מ"מ דארף יעדער איינער, אפילו בשעה ער איז נאך גאר בתחילת העבודה, בא אים איז ערשט ערב יו"ט, דארף ער שוין געדענקען וועגן אתהפכא, וואס דורך דעם וואס ער וועט געדענקען וועגן אתהפכא איז הגם ער האלט ניט דערביי, וועט עס אים אבער געבן א תוס׳ כח אין אתכפיא.

ועפ"ד המבואר בקונ׳ עץ החיים, אז אויך די וואס עבודתם איז בדרך יחו"ת, איז אבער דאס גופא אז די יחו"ת זאל זיין כדבעי, דארף עפעס מאיר זיין אויך פון יחו"ע, וואס דאס וועט געבן א נתינת כח אין יחו"ת, וכמו"כ בנדו"ד, ווארום די עבודה שמצד יחו"ת איז אתכפיא און די עבודה שמצד יחו"ע איז אתהפכא.

דערפאר זאגט מען אז לכתחילה דארף יעדער איד זעהן צוגרייטן צו שבת, ביז אפילו צו דער סעודה השלישית. וואס די סעודה השלישית היא בהי׳ נעלית, רעוא דכל רעוין, דארף מען זעהן צוגרייטן ביז יענע מדריגה, ווארום הגם ער האלט נאך גאר בתחילת העבודה, איז אבער דורך דעם וואס ער וועט טראכטן וועגן שבת ביז וועגן די סעודה השלישית, וועט דאס בא אים פועל׳ן ער זאל טאן כדבעי די עבודה בא וועלכע ער האלט.

אמנם זהו רק לכתחילה. ואינו מעכב. דאס וואס ס׳איז נוגע בדיעבד און ס׳איז מעכב, איז דאס די עבודה דאתכפיא עכ"פ, וואס דאס עכ"פ מוז מען האבן.

ד. מען האט גערעדט (בשיחת שמחת בית השואבה) בעניין אור מים רקיע, אז ווי באלד אלע ענינים קומען פון תורה כמאמר אסתכל באורייתא וברא עלמא, מוז מען זאגן אז אויך אין תורה איז פאראן ג׳ בחי׳ אלו, אור מים רקיע.

דער חילוק פון מים מיט רקיע איז דאך רקיע איז אגלידו מיא. מים עצמם זיינען פשוטים און אין זיי איז ניטא קיין ציור, ניט דער

<u>הנחה בלתי מוגה</u>